# מעניקע קאַץ

**1906 — 1991**

דער ייִדישער פּאָעט מעניקע קאַץ איז דעם 24סטן אַפּריל 1991 פּלוצלונג געשטאָרבן, צוועלף טעג נאָך זײַן 85סטן געבוירנטאָג, אין זײַן וואַלד־הויז אין ספּרינג גלען, אין די וועלדער בערך הונדערט מײַל פֿון ניו־יאָרק. ביזן לעצטן טאָג האָט ער געשריבן לידער.

מעניקע קאַץ איז געבאָרן געוואָרן אין סווינציאַן, אין דער אַמאָליקער ווילנער גובערניע, דעם צווייטן טאָג פּסח 1906. בעת דער ערשטער וועלט מלחמה איז צו 17 יאָר געשטאָרבן בײַ צוואַנג־אַרבעט פֿאַר דער דײַטשישער אַרמיי זײַן עלטסטער ברודער עלטשיק. דעמאָלט איז מעניקע אַוועק אויף צוויי מיט אַ האַלב יאָר אין זײַן מאַמעס שטעטל מיכאַלישעק, וואו ער איז אינספּירירט געוואָרן צו פּאָעזיע. מיכאַלישעק, אַ וואונדער־שיין פּיצינק שטעטעלע אַרומגעאָרעמט פֿון ווילִיע טײַך, האָט געשפּרודלט מיט מקובלים, אויסערגעוויינטלעכע טיפּן, זינגענדיקע בעטלער. בײַ דער מומע ביילקע האָט ער זיך אָנגעהערט מיט אָן אַ שיעור פֿאָלקס־מעשׂיות און פֿאָלקסלידער. בײַם פֿעטער אַוורעמקע (אבֿרהמקע) האָט ער געלערנט זייגערמאַכערײַ. דאָרטן איז ער געוואָרן אַ וועגעטאַריער. אָנגעהויבן ריידן דורך פּאָעזיע און דורך קבלה מיטן יונג פֿאַרשטאָרבענעם עלטשיק.

געקומען אין אַמעריקע אין 1920, אין עלטער פֿון דרײַצן מיט אַ האַלב יאָר, איז מעניקע באַלד אַוועק פֿון פּאַסייק, ניו־דזשערזי וואו זײַן משפּחה האָט זיך באַזעצט, און איז אַריבער וואוינען בײַם שוועסטערקינד אַווראָמעלע (אבֿרהם־עליע) אויף דער ניו־יאָרקער איסט סײַד, זיך געלערנט אין אַ ניו־יאָרקער רעגירונגס־מיטלשול וואו מען האָט דעם יונגן אימיגראַנט שטאַרק געלויבט פֿאַר זײַן ענגלישער פּאָעזיע. אין איינעם אַ טאָג, אַרבעטנדיק אויף אַ ליד אין אַ ניו־יאָרקער



מעינקע קאַץ

געצייכנט פֿון ז. ש. פּראַווער

ביבליאָטעק איז צום יונגן בחור צוגעקומען דער דיכטער אבא שטאָלצענבערג און מעניקען געגעבן צו וויסן אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך „יידישע ליטעראַטור". אים באַקענט מיט אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ וואָס האָט מעניקעס ערשטע יידישע לידער אָפּגעדרוקט אין זײַן זשורנאַל *ספּאַרטאַק* אין 1925.

דער יונגער מעניקע קאַץ איז אַרײַן אין די קרײַזן פֿון די ניו־יאָרקער „לינקע" (די גרופּע אַרום דער *מאָרגן־פֿרײַהײַט*). דאָרטן האָט ער זיך געפֿונען אין אַ סביבֿה מיט שעפֿערישע יונגע פּאָעטן אויף דער איסט סײַד. די צרה איז אָבער געווען, וואָס ניט זײַן פּאָעזיע, ניט זײַן קוק אויף דער וועלט, האָבן זיך ניט צוגעפּאַסט צו די לינקע און זײַן קאַריערע בײַ זיי איז געווען אָנגעפֿילט מיט שטורעם. אַ מין אָנזאָג אויף להבא איז געווען ש. ניגערס באַמערקונג וועגן זײַנע גאָר פֿריע לידער: „מעניקע קאַץ פֿלײַסט זיך איבערצוזעצן רעוואָלוציע אויף דער שפּראַך פֿון רײנער ליריק".

העכערע בילדונג האָט מעניקע קאַץ באַקומען אין ברוקלין קאָלעדזש, קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, אוניווערסיטעט פֿון דרום קאַליפֿאָרניע, אין יידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט, און — אין ניו־יאָרקער יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר וואו ער האָט שטודירט אויף רבנישע קורסן (ניט קיין געווינטלעכע דערציאונג פֿאַר אַ „רעוואָלוציאָנערן שרײַבער").

מעניקע קאַצעס ערשט בוך לידער, *דרײַ שוועסטער*, איז אַרויס אין 1932. די לירישע, עראָטישע און שטימונגספֿולע לידער האָבן ווייניק נושא חן געווען: מען האָט דעם יונגן דיכטער באַלד אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער שרײַבער אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטפּען". דאָס בוך האָט אָבער יאָ אַרויסגערופֿן שטאַרקן אינטערעס בײַ אַ ריי ליטעראַטור קריטיקער. בתוכם: ב. צ. גאָלדבערג, וואָס האָט אים אָפּגעשאַצט אַלס „אַ פֿונק פֿון דער פֿינצטערניש, אַ בלום פֿון דער בלאָטע אַרויס — ווידעראַמאָל אַנדערש און רוי און שטעכיק און טראָציק" (*דער טאָג*, 29סטן אַפּריל 1932; זע אויך מלך ראַוויטשעס רעצענזיע אין דער וואַרשעווער *וואָכנשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור*, 31סטן מערץ 1933).

דאָס צווייטע בוך, *דער מענטש אין טאָגן* (1935), קען מען אפֿשר זען ווי אַ פּרואוו צו לעבן בשלום מיט דער סביבֿה; מען האָט אים ווידער אַרײַנגעלאָזט אין „פּראָלעטפּען". דערויף האָט באַמערקט י. ל. טעלער: „נעמט ער זיך צו דער

פּראָלעטקולטישער רעאַל־טעמע, פֿאַלט בײַ אים אָפּ דער אימאַזש, און װאָס עס ליגט זײַן כּח" [...] (אין: אידישער *קעמפֿער*, 17טן דעצ' 1937).

מעניקע איז צוריק צום אײגענעם פּאָעטישן דרך. דער פּועל יוצא איז געװען אײנע פֿון זײַנע גרעסטע שאַפֿונגען, אַ צװײבענדיק װערק: *ברענענדיק שטעטל* (1938). ניט־פּאַרטײאישע קריטיקער האָבן װאַרעם באַגריסט *ברענענדיק שטעטל* אַלס גרױס עפּיש װערק װאָס שילדערט די טיפֿן און די איבערלעבונגען אין אַ שטעטעלע בעת דער ערשטער װעלט מלחמה אין אַ ראָמאַן־מעסיקער סטרוקטור.

גאָר אַנדערש איז געװען די רעאַקציע בײַ די לינקע. משה אָלגין, דער רעדאַקטאָר פֿון דער *פֿרײַהײַט* האָט זיך שטאַרק „געװאונדערט":

> פֿאַרװאָס איז כמעט נישטאָ גאָרנישט װעגן אָקטאָבער? פֿאַרװאָס קריגט די רױטע אַרמײ קױם אײן בלעטל — אַ סך װײניקער, װי די משוגענע קו, און צװאַנציק מאָל װײניקער, װי הירשע־לײב תרשיש, דער אונטערשמש פֿונעם חסידישן מנין?

(*מאָרגן־פֿרײַהײַט*, 8טן מײַ 1938, איבערגעדרוקט אין מ. אָלגין, *קולטור און פֿאָלק. אָפּהאַנדלונגען און עסייען װעגן שרײַבער*, נ"י 1949, זז' 285-281, דאָרטן ז' 284)

נאָך אַט דער קריטיק, זײַנען אָנגעפֿאַלן מיט שאַרפֿע אַטאַקעס אַ צאָל שרײַבער װאָס זײַנען געװען מעניקעס בני דור. סוף כּל סוף האָט מעניקע געענטפֿערט מיט פֿיר לידער און אַ בריװ אין רעדאַקציע, אַלץ אונטערן קעפּל „דער בראָװער פּחדן" (*פֿרײַהײַט*, דעם 14טן אױגוסט 1938). דאָס ערשטע ליד, „װעגן פֿרײד און אומעט" איז אַן ענטפֿער אױף דער מײנונג אַז פּאָעזיע דאַרף „דערמוטיקן" דעם פּראָלעטאַריער; דאָס צװײטע ליד, „װעגן נעכטן, הײַנט און מאָרגן" ענטפֿערט אױף דער מײנונג אַז פּאָעזיע דאַרף זיך אָפּגעבן נאָר מיטן הײַנט; דריטנס, „און דו ביסט אומעטיק װי טױזנט קאָני־אײַלאַנד זונען", קעגן דער געקינצלטער פֿרײד פֿון דער „פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע"; צו לעצט — „די תּפֿילה פֿון באַראַבאַן". אין בײַגעלײגטן בריװ האָט זיך מעניקע קאַץ אָפּגעשטעלט אױפֿן ענין אָ ר נ ט ל ע כ ק ײַ ט אין דער ליטעראַטור:

> [...] יאָרן האָבן דיכטער בײַ אונדז מער צוליב פּאָזע, װי צוליב איבערלעבטקײט, צוגעטשעפּעט פּראָלעטאַרישע, פֿרײלעכע עקן — צו שטימונגען, װעלכע האָבן װירקלעך קײן שײַכות ניט געהאַט מיט דעם באַפֿרײַאונג־קאַמף, װי קאָמישע דיכטער מיט

> רויטע, פֿריילעכע עקן, ווי די וואָלטן אַרויס מיט דער לאָזונג: צוריק צו דער מאַלפּע־עפּאָכע.

> איך פּרוּוו אין אָט דעם ליד באַווײַזן, ווען פֿרייד און אומעט, אַז אומאויפֿריכטיקייט מוז געבאָרן: פֿלאַכע, נאַרישע פֿרייד; אַפֿילו פֿינצטערניש קען אין עכטן ליד שײַנען; אַז זיך צווינגענדיקע פֿרייד איז — וואַנזין. און געוויס איז אײַנגעמידיקייט, וואָס הערשט נאָך, צום באַדויערן, אַזוי שטאַרק אין אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור — וואַנזין, וואָרעם ווען דיכטער באַקומען איין פּנים, אַזוי, אַז מען קען זיי ניט אונטערשיידן, אַזוי, אַז מען קען זיי ניט דערקענען, איז עס פּונקט ווי אַ מענטש זאָל פּלוצלונג דערזען אין גאַס אויף אַלע מענטשן — איין פּנים, זײַן פּנים. דאָס איז וואַנזין.

> שוין צײַט, חבֿר אָלגין, מיר זאָלן זיך לערנען טאָלערירן — פֿאַרשיידנאַרטיקע סטילן, ריכטונגען און זשאַנרען, אַזוי, אַז אונדזער פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור זאָל ווערן אַ רײַכע, טיף ריידנדיקע סימפֿאָניע. פֿאַר דעם איז נייטיק צו עפֿענען דעם סאַמע רײַנסטן קוואַל — אויפֿריכטיקייט. [...]

(*מאָרגן־פֿרײַהייט*, 14טן אויג' 1938)

„דער בראָווער פּחדן" האָט געפֿירט צו אַ שטורמישער דעבאַטע, בפֿרט אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פֿון דער פֿרײַהייט. אין זײַן אַרטיקל „עפּעס איז פֿויל אין דענמאַרק" (28סטן אויג' 1938) רעדט משה כץ וועגן מעניקע קאַצעס „מוידן־לאָך פֿילאָזאָפֿיע", וועגן „אַ געז־אַטאַקע ניט אויף די פּראָלעטאַרישע שרײַבער, נאָר אויף דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אויף דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער וועלט־אָנשויאונג, אויף דער רעוואָלוציאָנערער אָנפֿירונג מיט דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

אין זײַן אַרטיקל „אַ שאָס וואָס טרעפֿט דעם שיסער" (4טן סעפּט') האָט אהרן קורץ מעניקע קאַצעס קריטיק געהאַלטן פֿאַר אַ „בלבול פֿון ערגסטן מין" און „אַ בלבול, וואָס שטאַמט פֿון די ערגסטע רעאַקציאָנערן".

דעם 2טן אָקטאָבער, פֿרעגט פּ. טעפּער אין אַ בריוו אין רעדאַקציע: „דענקט מעניקע קאַץ, אַז ער און אַנדערע יונגע שרײַבער, וועלכע וועלן נעמען זײַן ראַט און וועלן זיך אָפּטרייסלען פֿון, לאָמיר זאָגן, די רויטע דעקלאַראַציעס אין זייער שאַפֿונג, וועלן זיי ווערן בעסערע און גרעסערע שרײַבער?"

מאַרטין בירנבוימס אַרטיקל, „אַ פּאַסקוויל אויף דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור", שילדערט מעניקע קאַצעס פּאָעזיע בזה הלשון:

דאָס נאַציגע קלאַפּערגעצײַג געפֿינט מען דאָרט אױף די טױלע װענט צעהאַנגען — פֿון דעם רײנסטן, דיכטערישן אומעט ביז דער משונה־דיקסטער שפּין, פֿון דער באָבע טאָלצעס תּפֿילים ביז דעם נײַעמער פֿון הונגעריקע קעץ, ביז דעם מיט שימל אױסגעבעטן מױז־לאָך. און װעלכן ס׳האָבן זיך באַקומען געמאָלט אַזױפֿל „עלטע" דיכטערישע נשמות. [...]

פֿאַרשײדענע ריכטונגען?! װעלכע ריכטונגען, למשל, זאָלן מיר אינקאָרפּאָרירן אין אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור? די רעליגיעזע? די רעאַקציאָנערע? די פֿאַשיסטישע? אַבי ס׳זאָל „שײַנען די פֿינצטערניש אין עלנט ליד"?

(*מאָרגן־פֿרײַהײט*, 21סטן אױג׳ 1938)

דאָס אױסלאַכן די „באָבע טאָלצע" איז געװען געצילט קעגן מעניקעס לידער צו זײַן ב אָ ב ע מ אַ י נ ע. דערױף האָט מעניקע קאַץ געענטפֿערט ניט מיט אַ פּאָר לידער, ניט מיט אַ בריװ אין רעדאַקציע, אלא װאָדען מיט אַ נײַ בוך לידער: ס׳האָט דאָס װאָרט *מײַן באָבע מאַינע* (1939). אױף צו להכעיס די אָנפֿאַלער, רעדט דורך מעניקעס פּען, ניט קײן אַנדערע: די באָבע מאַינע. די אָפּגעלאָזטע שטעטלעך, מיכאַלישעק און סװינציאַן װערן העלדינס װאָס שרעקן זיך ניט פֿאַר די פֿאַרלאַנגען פֿון דער „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

דאָס בוך *ס׳האָט דאָס װאָרט מײַן באָבע מאַינע*, איז דערשינען מיט אַ הקדמה פֿון װיליאַם אײבראַמס, װעלכער האָט דערקלערט דעם ענין אַזױ אָ:

> מען מוז מודה זײַן: מעניקע קאַץ האָט זיך װי אַנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהײט זיך צוריקצוקערן צו זײַן שטעטל — צו דער נאָענדיקער פֿאַרגאַנגענהײט פֿון זײַנע לעצטע צװײ בענער פּאָעזיע [ד״ה די צװײ בענער *ברענענדיק שטעטל*]. ער האָט זיך געװאָרפֿן אױף דער טעמע נאָך אַלץ װי אַ דורשטיקער, װי ער װאָלט געװען פֿאַרחלשט פֿון דעם גרױסן ניו־יאָרקער מדבר — און אָפּס, װען איר לײענט מעניקע קאַצן, דערשײַנט פֿאַר אײַך ניו־יאָרק װי אַן אױסטערלישער מדבר — און װיל זיך אַנטרינקען בײַ די קװאַלן פֿון זײַנע אָבֿות. ער קערט זיך אום צו זײַנע אָבֿות, װײַל ער האַלט — און ניט אָן רעכט, — אַז די װאָס האָבן אָקצעפּטירט די גרױסע שטאָט, די גרױסע װעלט אַמעריקע אין אונדזער רעװאָלוציאָנערער ריכטונג, אַז די װאָס װידמען זײער פּאָעזיע דעם אָרעמען פֿאָלק און שטײען אױפֿן באָדן פֿון גרױסן אמת פֿון קלאַסן־קאַמף, קאָנען ניט זײַן קײן רעװאָלוציאָנערע דיכטער איבער די „באָבע טאָלצע" איז בײַ זײ אַן אָביעקט פֿאַר חוזק און לצנות. ער גײט נאָך װײַטער: לױט אים, קאָן דער װאָס באַשמירט זײַן באָבען אָדער זײדן מיט סמאָלע און באַשטעקט זײ מיט פֿעדערן, דער װאָס זעט אין זײ נאָר בײז און בײז, חוזק און חוזק, קאָן ניט האָבן קײן װאַרעם האַרץ פֿאַר הײַנט און האָט פֿאַרשפּילט נאָך בײַם לעבן

> זײַן צוקונפֿט. אַן אַ װאַרעם, מענטשלעך האַרץ, איז נישטאָ קיין פּאָעזיע; אָן אַ װאַרעם, מענטשלעך האַרץ, קאָן מען ניט זײַן קיין קעמפֿער און במילא, קומט מענקע קאַץ צום אויספֿיר, קאָן מען ניט זײַן קיין פּאָעט. [...]
>
> דער מענטש אָן פּניות, דער װאָס לייענט ליטעראַטור אי צוליב דער שיינקייט, אי צוליב דערלערנען עפּעס װעגן װעלט און מענטש, האָט אין מענקע קאַצעס װערק ברענענדיק שטעטל, דערזען אַ דיכטער װעמענס אייגנאַרטיקער טאַלאַנט איז פּאָעטיש װײַט איבער די גרענעצן צו װעלכע די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז געװען געװאָרנט. טראַדיציאָנעל ייִדיש, האָבן זײַנע געזאַנגען אַן אוניװערסאַלן פּאַרנעם. [...]
>
> נאָר עס זעט אויס, אַז איניקע מענטשן אין אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור זײַנען אַזוי פֿאַרזײַערט געװאָרן אין זייער איינגענעם איך, אַז זיי װילן אויף אַלעמען אָנמעסטן זייער אײַנגעפֿאַלן הײַבל. בלײַבנדיק אויף די ערטער װוּ זיי האָבן אָנגעהויבן שרײַבן אין איין צײַט מיט מענקע קאַץ, האָבן זיי ניט געקאָנט, אפֿשר טאַקע ניט געװאָלט, דערזען, אַז מענקע קאַץ איז אַװעק װײַט פֿאָרויס פֿון זיי, אַז זײַן טאַלאַנט האָט זיך אַנטװיקלט און געקרעפֿטיקט. [...] אַזוינס פּאַסירט נאָך אָפֿט בײַ מענטשן, װעלכע קאָנען זיך ניט צוגעװוינען, אַז זייערער אַ שול־חבֿר, װאָס האָט זיי אויסגעזען צו זײַן אַ שטיק שלימזל, זאָל מיטאַמאָל זיך אַרויסשטעלן צו זײַן העכער פֿון זיי מיט אַ קאָפּ.

(פֿון װיליאַם אייבראַמס, „מענקע קאַץ און קאַמף פֿאַר זײַן דיכטערישער פּאָזיציע" אין מענקע קאַץ, ס׳האָט דאָס װאָרט מײַן באָבע מאַינע, 1939, זז׳ 4-6)

פֿאַרן אָנשרײַבן די הקדמה צו דער *באָבע מאַינע*, האָט אייבראַמס באַצאָלט מיט דער קאַריערע: מען האָט אים, אַ מיטאַרבעטער אין דער *פֿרײַהײַט*, ביטער געמאַכט דאָס לעבן ביז מען האָט אים ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע אין פֿעברואַר 1943 נאָך נײַנצן יאָר אַרבעט.

דער גרויסער פּאַראַדאָקס אין מענקע קאַצעס לעבן — זײַן אַרום די לינקע און זיך בכלל ניט צופּאַסן צו זיי — איז אָנגעגאַנגען װײַטער. אין 1944 האָט ער אַרויסגעגעבן (מיט יעקבֿ סטאָדאָלסקי און װיליאַם אייבראַמס) דעם זשורנאַל מיר. דאָרטן געפֿינט מען אַשטײנגער מענקעס יידישע איבערזעצונג פֿון רש"י׳ס פּירוש אויף שיר השירים א׳, סטאָדאָלסקיס ליד צום װילנער גאון און אייבראַמסעס אַ דערציילונג: „קדיש". אַקיצור: ניט קיין חומר פֿאַר רעװאָלוציע. נאָך דער *באָבע מאַינע* האָט ער אַרויסגעגעבן צו דערציילן *אין פֿריידן* (1941) און *דער פּשוטער חלום* (1947).

װען ס׳איז באַקאַנט געװאָרן אָנהייב פֿופֿציקער יאָרן אַז סטאַלינס שיסער

האָבן דערמאָרדעט די סאָוועטישע יידישע שרײַבער איז מעינקע געגאַנגען צו פּסח נאָוויקן, דעמאָלט דעם רעדאַקטאָר פֿון דער *פֿרײַהײט* און געקלאַפּט אין טיש: טאָ וואו זײַנען די שרײַבער? ער איז אינגאַנצן אַוועק פֿון די לינקע און האָט אָפּגעהאַקט אַלע פֿאַרבינדונגען, אַפֿילו מיט די נאָענטסטע פֿרײַנד: זיך פּשוט ניט געקענט חבֿרן מיט מענטשן וואָס שטיצן נאָך אונטער סטאַלינען.

אַ נײַ יידיש בוך האָט ער באַוויזן אַרויסגעבן נאָך דער ענדגילטיקער צעשיידונג מיט די לינקע: *אינמיטן טאָג* (1954), אָבער דאָס פֿעלן פֿון אַ ליטעראַרישער סבֿיבֿה האָט אַרײַנגעבראַכט מרה שחורה. דאָס האָט דערשפּירט יצחק באַשעוויס וואָס האָט אין זײַן קריטיק איבער *אינמיטן טאָג* זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן ליד „אַ תּפֿילה" וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „אוי, איך וויל אַזוי אונטערגיין". זאָגט באַשעוויס:

> מען קאָן פֿאַרשטיין אַט די שטימונג ווען מען נעמט אין אַכט אַז מעינקע קאַץ האָט זיך אָנגעזעגנט מיט אַלץ וואָס מען זעט זיך אָן צווישן די קאָמוניסטן און דורכגעמאַכט דעם שווערן פּראָצעס פֿון אָפּרײַסן זיך פֿון אַ סבֿיבֿה, קאָלעגן, אפֿשר אויך אַ פּאָסטן. גראָד איז דאָס גאַנצע בוך זייער אָפּטימיסטיש, אָבער אַט דאָס ליד גיט איבער אַן אמתע שטימונג, אַ געפֿיל און אַ נייגונג וואָס איז אפֿשר אַזוי אַלט ווי דאָס לעבן אַליין: צי אַנטלויפֿן און נישט צו דאַרפֿן מער אָנקוקן די פֿאַלשקייט, די ברוטאַליטעט. [...]

(יצחק וואַרשאַווסקי [= יצחק באַשעוויס], *פֿאָרווערטס*, 9טן דעצ' 1956)

אַז מעינקע איז אַוועק פֿון די לינקע, אויך פֿון די לינקע „אָרדן" שולן וואו ער איז געווען אַ לערער פֿון זינט אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, האָט מען אים וואַרעם אויפֿגענומען אין די „אַרבעטער רינג" און „שלום עליכם" שולן. ס'איז געוואָרן באַוואוסט אַז מעינקע קאַץ לערנט אויס אַמעריקאַנער קינדער ר יי ד ן יידיש.

נאָר אַנדערש איז אָבער געווען אין דער ליטעראַטור. מען האָט ניט געוואָלט דרוקן קיין לידער פֿון אַ „געוועזענעם", ניט וויכטיק אַז ס'איז גראָד יענער „געוועזענער" וואָס האָט מיט די לינקע געפֿירט שטענדיקע מלחמות, אַ פּאָעט וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַכט ביכער יידישע פּאָעזיע.

מעינקע קאַץ איז אַוועק אין ארץ ישראל, צוערשט אויף צוויי יאָר (1954-1956), דערנאָך אויף אַ יאָר (1959-1960), געוואוינט אין צפֿת. דאָרטן האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין קבלה און אָנגעשריבן אַ בוך לידער אויף יידיש, *צפֿת*, וואָס איז

ערשט דערשינען מיט אַ סך יאָר שפּעטער (אין 1979).

אין די צפֿתער יאָרן האָט מענקע גענומען שרײַבן אויך ענגלישע פּאָעזיע, צום ערשטן מאָל זינט דער ייִנגלשער באַגעגעניש מיט אבא שטאָלצענבערגן. ער איז באַלד געווען אַ דערפֿאָלג אויף ענגליש און די בעסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלן האָבן געדרוקט זײַנע לידער, בתוכם Atlantic Monthly, Poet Lore, Sewanee Review, אויך אין דער טעגלעכער New York Times.

צוריק אין ניו־יאָרק אין 1960 האָט מענקע ווידער געפּרוּווט באַנײַען זײַן קאַריערע אין די ניט־לינקע ניו־יאָרקער ייִדישע ליטעראַרישע קרײַזן. איין פֿאַל האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ ליטעראַרישער סענסאַציע. אַז ער האָט געשיקט לידער אין דער ניו־יאָרקער צוקונפֿט, האָט מען זיי צוריקגעשיקט. האָט מענקע אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, צוגעשיקט נאָך לידער אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען: „קלאַראַ פֿעלדמאַן“ (דער שווינגערס נאָמען). דער ענטפֿער וואָס איז אָנגעקומען ווערט אָפּגעדרוקט אויפֿן קומעדיקן זײַטל. די ערשטע דרײַ לידער פֿון דער „נײַ אַנטדעקטער פּאָעטעסע“, קלאַראַ פֿעלדמאַן, זײַנען דערשינען אין דער צוקונפֿט (אָקטאָבער 1961, ז׳ 373), אינאיינעם מיטן נאָטיץ פֿון רעדאַקטאָר וועגן דער נײַער פּאָעטעסע. ווײַטערדיקע לידער זײַנען דערשינען מיט אַ באַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע: „קלאַראַ פֿעלדמאַן איז אַן אַמעריקאַנער־געבוירענע, און שרײַבט אירע אייגנאַרטיקע לידער אין ייִדיש. אירע ערשטע לידער זײַנען געדרוקט געווען פֿאַראַיאָרן אין צוקונפֿט“ (אַפּריל 1962, ז׳ 174). די לידער פֿון „קלאַראַ פֿעלדמאַן“ האָט מען ווײַטער פֿאַרעפֿנטלעכט, ביז עמעצער האָט זיך סוף כל סוף געכאַפּט: ס׳איז דאָך מענקע קאַצעס לידער! מען האָט זיך פֿאַרענטפֿערט און ס׳איז געוואָרן שלום. געגאַנגען איז עס אָבער אין דעם וואָס אַ פּאָעט וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַכט ביכער לידער, דאַרף אָנקומען צו דער שווינגערס נאָמען מען זאָל אים דרוקן.

בשעת מעשה איז מענקע קאַץ באַקאַנט געוואָרן אין דער ענגלישער ליטעראַרישער וועלט אַלס אינאָוואַטאָר פֿון פּאָעטישער פֿאָרם; צווישן זײַנע נײַע פֿאָרמען איז דאָ דער „מענקע סאָנעט“ און דער „מענקע טשאַנט ראָיאַל“. זײַן עסיי "A Word or Two Against Rhyme" („אַ וואָרט אָדער צוויי קעגן גראַם“) האָט אַרויסגערופֿן אַ סימפּאָזיום איבער גראַמען אין דער פּאָעזיע וואָס Poet Lore האָט

WORLD JEWISH CONGRESS 15 East 84th Street, New York 28, N. Y. ייִדישער וועלט קאָנגרעס

# FOLK UN VELT — פֿאָלק און וועלט

Editor: Jacob Glatstein — רעדאַקטירט פֿון יעקב גלאַטשטיין

דעם 21־טן סעפּטעמבער, 1961

מײַן ליבע קלאַראַ פֿעלדמאַן:

מיר געפֿעלן זייער שטאַרק אײַערע דרײַ אָריגינעלע לידער, וואָס איר האָט צוגעשיקט פֿאַר דער „צוקונפֿט", אָבער איידער מיר פֿאַרעפֿנטלעכן זיי וואָלט איך אײַך געבעטן מיר געבן אַביסל מער אינפֿאָרמאַציע וועגן זיך.

אײַערע לידער זענען זייער ריף און ס'קען נישט געמאָלט זײַן, אַז איר האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן אײַער פּאָעטישע קאַריערע. בכלל, ווער זענט איר? וואָס טוט איר? האָט איר שוין ווען עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט לידער? ענטפֿערט וואָס גיכער, ווײַל כ'וואָלט נאָך געוואָלט פֿאַרעפֿנטלעכן אײַערע לידער אין אָקטאָבער נומער „צוקונפֿט".

אײַער,

יעקב גלאַטשטיין

יג:רז

פֿאַקסימיליע פֿון י. גלאַטשטיינס בריוו צו דער פּאָעטעסע „קלאַראַ פֿעלדמאַן"
(פֿון: מעיטקע קאַץ אַרכיוו, אָקספֿאָרד)

פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1967 אונטערן טיטל *Aspects of Modern Poetry: A Symposium*. אויף ייִדיש האָט ער געהאַט געדרוקט אַ ליד „קענן מאָס און גראָם" (*גאָלדענע קייט* 41, 1961, זז' 170-171) וואָס האָט געפֿירט אויך צו אַ דיסקוסיע אין דער ייִדישער פּעריאָדיק (זע יהושע ראַפּאָפּאָרט און אַנדזשער דזר, יולי-אויגוסט 1962). אָבֿ האָט מעניקע קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט שרײַבן ייִדיש און אין גאַנג פֿון די אַלע יאָרן האָט ער געדרוקט לידער אין די *גאָלדענע קייט* און אַנדערע זשורנאַלן. די נײַע ביכער זײַנען אָבער געווען ענגלישע און ער האָט זיך גוט אײַנגעלעבט אין דער ענגלישער פּאָעזיע־וועלט.

אויף ענגליש האָט מעניקע קאַץ אַרויסגעגעבן די פּאָעזיע ביכער *Land of Manna* ('לאַנד פֿון מן', 1965); *Rockrose* ('שטיין־רויז', 1970; אין העברעאישער איבערזעצונג: *פּרח סלע*, 1973); *Burning Village* ('ברענענדיק שטעטל', 1972, וואו ס'ווערט באַהאַנדלט די טעמאַטיק וואָס אין די צוויי ייִדישע בענד *ברענענדיק שטעטל* פֿון 1938 — ס'איז אָבער לחלוטין ניט קיין איבערזעצונג און מעניקע האָט חרטה געהאַט אַלמאַי ער האָט עס ניט אַ נאָמען געגעבן *Bread of Famine*); *A Chair for Elijah* ('אַ בענקל פֿאַר אליהו הנבֿיאָן', 1985; *Nearby Eden* ('לעבן גן עדן', 1990). צוויי ביכער פּאָעזיע האָט ער אַרויסגעגעבן מיט זײַן פֿרײַנד און פֿאַרלעגער, דעם פּאָעט הערי סמיט, אויף איין זײַט מעניקעס לידער אויף איין זײַט הערים: *Two Friends* ('צוויי פֿרײַנד', באַנד 1, 1981 און באַנד 2, 1988). ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך מיכּאַלישקער מעשיות: *Forever and Ever and a Wednesday* ('אויף אייביק מיט אַ מיטוואָך', 1980).

מעניקע קאַצעס ענגלישע ווערק זײַנען נאָמינירט געוואָרן פֿאַר דער „פּוליצער" פּרעמיע, ער האָט צוויי מאָל געוואונען די „בעני" פּרעמיע פֿאַר פּאָעזיע און מען האָט אים צוגעטיילט אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע אויסצייכענונגען. מען האָט אים איבערגעזעצט אין אַ סך שפּראַכן, בתוכם: איבאָ, פֿינעדיש, סוואַהילי, פּאָרטוגעזיש, קאָריאַניש, שאָנאַ, און נאָך. אין בוך־פֿאָרם זײַנען אַרויס איבערזעצונגען אויף יאַפּאַנעזיש (1967), גריכיש (1968), קאַנאַדאַ (אַן אינדישע שפּראַך, 1968), פֿראַנצייזיש (1972) און איטאַליעניש (1974). אין ליד, "On the Death of a Day Old Child" ('צום טויט פֿון אַן איינטאָגיק קינד') איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף 22 שפּראַכן אין אַ בוך וואָס איז דערשינען אין 1973.

רעכטס: צו דריי יאָר אין
סינצינאַטי, פֿאָרן
אָפּשערן זיך
צום
ערשטן מאָל.
דער וועליסאָפּעד האָט
געהערט דעם פֿאָטאָגראַף.



אונטן: אין 1927. ערשטע יאָרן ווי
אַ יידישער פּאָעט.





אין 1939, בעתן ליטעראַרישן שטורעם אַרום
ברענענדיק שטעטל אין דער
באָבע מאַינע



אין זײַן בוידעם־שטיבל אין ברוקלין אין 1973



די לעצטע יאָרן אין זײַן װאַלד־הויז

אין 1962 האָט מעינקע געגומען אַרויסגעבן *Bitterroot*. אַן ענגלישן פּאָעזיע־זשורנאַל וואָס האָט אויסגעזוכט נײַע אומבאַקאַנטע טאַלאַנטן. אַז ער איז געשטאָרבן האָט ער געהאַט אויסגעענדיקט דעם נומער 100, דעם לעצטן נומער (ער האָט געוואָלט דער זשורנאַל זאָל שטאַרבן מיט אים). זײַן פּאָזיציע אין דער ליטעראַרישער וועלט האָט ער אויסגענוצט אויף צו דערהייבן דעם מעמד פֿון דער יידישער פּאָעזיע. אין 1987 איז אַרויס אין אינדיע זײַן אַנטאָלאָגיע פֿון יידישער פּאָעזיע אין ענגלישער איבערזעצונג. ער איז אַ סך אויפֿגעטראָטן איבער אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. ער האָט אויך אָנגעפֿירט מיט לעקציעס אין טורמעס וואו ער האָט אַנטוויקלט אַ מעטאָדאָלאָגיע צו פּאָעזיע אַלס גײַסטיקע רפֿואה.

אַחוץ זײַן הויפּט־אַרבעט, פּאָעזיע, און די צווייטע באַליבטע אַרבעט, לערערײַ אין די יידישע שולן, איז מעינקע קאַץ געווען אַ יידישער פֿאָלקלאָריסט. ער האָט אַ גאַנץ לעבן געזונגען יידישע פֿאָלקסלידער, אַ סך פֿון זיי אומבאַקאַנטע וואָס ער האָט זיך געלערנט אין מיכאַלישעק בײַ דער מומע ביילקע. ער האָט זיי אויף דער מאַנדאָלינע באַגלייט. אַ סך פֿון די לידער געפֿינען זיך אין זײַן זאַמלונג *אַ געזאַנג פֿאַר דער זומער פּראָגראַם* (261 זז') וואָס איז דערשינען מימעאָגראַפֿירט בײַ דער אָקספֿאָרדער זומער פּראָגראַם אין 1985. מען האָפֿט עס אַרויסגעבן אין בוך־פֿאָרם. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט „אַ ביסל מיכאַלישקער לשון און פֿאָלקלאָר" (*יידישע שפּראַך* 35, 1976, זז' 54-60) און „זײַנערמאַכערײַ אין מיכאַלישעק" (*אָקספֿאָרדער יידיש* 1, 1990, זז' 233-245).

אַ בײַטראָג צו דער הײַנטיקער יידישער סטיליסטיק איז מעינקע קאַצעס „אַ וואָרט וועגן אָרטאָגראַפֿיע" (אין זײַן בוך *צפֿת*, 1979). דאָרטן זאָגט ער זיך אַרויס קעגן דעם ייוואָ אויסלייג מיט זײַנע דרײַ און פֿיר נאָכאַנאַנדיקע וואָוון („צוווּקס"), מיט די צירהס וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר צוויי מאָל חיריק („גליײַק"), און נאָך. אַחוץ אָרטאָגראַפֿיע שטעלט ער זיך אָפּ אויף די צוגעקלערטע ווערטער וואָס ס'שלאָגט פֿאָר די עקסטרעם נאָרמאַטיוויסטישע מחנה. ער שטעלט זיך אײַן פֿאַר אַ מאָדערנעם יידיש וואָס זאָל זײַן ה אַ ר מ אָ נ י ש סײַ מיטן אמת־גערעדטן לשון פֿון פֿאָלק סײַ מיטן לשון פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

ווי אַנדערע יידישע שרײַבער איז מעינקע קאַצן געגאַנגען אין לעבן די צוקונפֿט פֿון יידיש. ער האָט אינספּירירט טויזנטער מענטשן צו יידיש, ניט דורך

רעדעס, דערקלערונגען און ווי־געשרייען, נאָר דורך דער פּשוטער שיטה פֿון אויפֿווײַזן מענטשן ווי אַזוי ייִדיש ברענגט פֿרייד. יעדן האָט ער אויפֿגענומען מיט לחיים, פֿאָלקסלידער באַגלייט אויף דער מאַנדאָלינע, מיט יום־טובֿ און דערהייבונג און אַזוי אַרום יעדן געגעבן טועם זײַן די פֿרייד און וואַרעמקייט פֿונעם גרויזאַם־פֿאַרשניטענעם ייִדישן לעבן. דער גאַסט איז שוין געבליבן אַן אוהבֿ ייִדיש.

אַ פּאָר חדשים פֿאַר זײַן טויט איז מעינקע קאַצעס מאַמע באַדאַנע אים געקומען צו חלום, אים געבעטן ער זאָל אויף ווײַטער שרײַבן נאָר ייִדיש. די לעצטע לידער, וואָס אַמערסטן זײַנען די „מעינקע סאָנעטן", האָט ער געשיקט אין ייִדישע זשורנאַלן, דרײַ טעג פֿאַרן טויט אין ייִדישע קולטור. די נאָכט פֿאַרן טויט געשיקט גראַדע לידער אין דער — צוקונפֿט (שוין אָן פּסעוודאָנימען).

פֿון עזבון זײַנען געבליבן דרײַ ביכער: ייִדישע לידער מיט העבּרעאישע איבערזעצונגען, ענגלישע לידער מיט העבּרעאישע איבערזעצונגען, און ייִדישע לידער מיט אייגענע ענגלישע באַאַרבעטונגען. דערצו האָט מען אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער ביכעלע די נײַע ייִדישע לידער פֿון 1991.

אין אונדזער ליטעראַטור געשיכטע, וואָס לײַדט פֿון פֿאַרגליווערטע „קאַנאָנען" און פּאָליטיק פֿון פֿאַרצײַטנס, דאַרף מען מעינקע קאַץ אויפֿסנײַ נעמען אָפּשאַצן.

הירשע־דוד קאַץ

## דאַנק וואָרט

די פֿאָטאָגראַפֿיעס האָבן פֿרײַנדלעך אויסגעליִען מעינקעס פֿרוי רבֿקה קאַץ (ספּרינג גלען, נ"י), זײַן ברודער מעישקע קאַץ (גרייט נעק, נ"י) און זײַן טאָכטער טרוים האַנדלער (וועסט איסליפּ, נ"י).

## אַ פֿערזענלעך נאָכוואָרט

בײַ מיר וועט דער צווייטער באַנד *אָקספֿאָרדער ייִדיש* אײביק זײַן פֿאַרבונדן מיט מעינקעס לעצטן חודש. דעם פּסח חודש אין 1991 בין איך געפֿאָרן צו די עלטערן אין דזשער וואָלד־הייץ. די הויפּט אויפֿגאַבע מײַנע יענעם חודש איז געווען צוגרייטן אָט דעם באַנד. באַלד

# מעניקע קאַץ ע"ה

נאָך די סדרים האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. מעניקע און איך זײַנען יעדע נאַכט, אָפּטמאָל ביז צוויי אָדער דרײַ פֿאַרטאָג, געזעסן אין אײן צימער. ער שרײַבנדיק לידער בײַ אײן טיש, איך מיט *אָקספֿאָרדער ייִדיש* מיט אַ קאָמפּיוטער בײַ אַ צווייטן טיש. מ׳האָט אָפֿט געפֿרעגט אײנער בײַם אַנדערן אַ מײנונג איבער אַ וואָרט. אױסער דעם האָט מען „געאַרבעט באַזונדער צוזאַמען". אין פֿרײדן.

די לעצטע נאַכט איז געווען ווי תּמיד. צווישן צוויי און דרײַ פֿאַרטאָג, האָט מעניקע, דער לעבנ־לאַנגער וועגעטאַריער, געראַסטעוועט מיט קאַרטאָן־פּאַפּיר און אַ פֿלעשעלע אַ מוראַשקע, די פֿאַרזיכטיק אַרויסגעשפּירט אינגרידיען מ׳זאָל די דורך אַ טעות ניט צעטרעטן. בשעת מעשה האָט מעניקע אַ זאָג געטאָן: „הירשע־דוד, דער צימער איז געבענטשט. איך טו דאָ וואונדערלעכע אַרבעט". אַ ביסעלע שפּעטער אַז מעניקע האָט דערהערט לויטן ברומען פֿון קאָמפּיוטער אַז איך נעם זיך „פֿאַרמאַכן די געשעפֿטן" ביז מאָרגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איך בין גראָדע זייער פֿאַרטיפֿט, אפֿשר זיצט מען אַ ביסל לענגער".

אויף מאָרגן, מיטוואָך דעם 24סטן אַפּריל האָב איך אין שׂכלותדיקן שטעטל אָפּגעדרוקט די ערשטע קאָרעקטור פֿון אָט דעם באַנד, וואָס מיר האָבן געזאָלט לייענען צוזאַמען יענע נאַכט. ניט געווען באַשערט. אַז איך האָב זיך מיט אַ צעבראָכן האַרץ אומגעקערט אין אָקספֿאָרד, האָב איך געפֿונען מעניקעס לעצטן בריוו צו מיר, אַרויסגעשיקט האַרט פֿאַר מײַן פֿאָרן אין ניו־יאָרק.

—ה״ד. ק.



Bitterroot

*an international magazine of poetry*

*Appears Three Times A Year*

P. O. Box 489, Spring Glen, New York 12483

**EDITOR-IN-CHIEF**
Menke Katz

**ASSOCIATE EDITORS**
Shirley Horowitz
Norman Andrew Kirk

**MANAGING EDITORS**
Richard Poppo
Melony Poppo

**ART DIRECTOR**
Rivke Katz

**EDITORIAL BOARD**
Aaron Aeroff
Tamara Kerr
Percival Roberts III

**HONORARY EDITORS**
Sol Karp
Robert E. Collier

**SECRETARY**
Ruth Feldman

מעניקע קאַצעס לעצטער בריוו צו זײַן זון הירשע-דוד קאַץ

# אַנאָנסן

## I

## די זומער פּראָגראַם:

די יערלעכע אָקספֿאָרדער זומער פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור,
אַן אינטענסיווער קורס וואָס דויערט פֿיר וואָכן ווערט אָפּגעהאַלטן יעדן
זומער אין חודש אויגוסט. די פּראָגראַם איז כּולל פֿיר קורסן:

ייִדיש I: אָנהייבער; ייִדיש II: מיטלדיקע

ייִדיש III: העכערע מיטלדיקע

ייִדיש IV: אַוואַנסירטע

## II

## דער ווינטער סימפּאָזיום

דער יערלעכער אָקספֿאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער ייִדישער שפּראַך און
ליטעראַטור, אַן אַקאַדעמישע קאָנפֿערענץ וואָס דויערט דרײַ טעג,
ווערט אָפּגעהאַלטן יעדן ווינטער אין חודש דעצעמבער אויפֿן
געביט פֿון ייִדישער פֿילאָלאָגיע, ליטעראַטור פֿאָרשונג,
פֿאָלקלאָר און קולטור געשיכטע

אינפֿאָרמאַציעס בנוגע די בײדע יערלעכע אונטערנעמונגען קען מען באַקומען אויפֿן
הײַנטערדיקן אַדרעס:

Oxford Programme in Yiddish Language and Literature
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England

טעלעפֿאָן: (0865) 311030 \ (0865) 511869

פֿאַקס־מאַשין: (0865) 311791

# דאַנק וואָרט

אַ האַרציקן דאַנק פּראָפֿ׳ ז. ש. פּראַוּוער פֿאַר די אַלע פּאָרטרעטן וואָס ער האָט
ברייטהאַרציק געשאָנקען אָט דעם באַנד אָקספֿאָרדער יידיש. שלמה און
עליזאַבעט קאָראָב (לאָנדאָן) און שיקע וואָלק (לאָס אַנדזשעלעס)
פֿאַר זייער אונטערשטיצונג. מאַרי רײַט (אָקספֿאָרד) פֿאַר
איר אַדמיניסטראַטיווער הילף. די אַלעמען אַ
יישר כח. פּה אָקספֿאָרד דענגלאַנד
שנת תנש״א
לפ״ק:

# CONTENTS

Scholars and Writers 1

HISTORY OF YIDDISH

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Tshatshkis, Agnon and the Etymology of *shibesh* 3

Dovid Katz (Oxford)
Antiquity of the Semitic Component in Yiddish 17

FOLKLORE

Jennifer Dowling (Oxford)
*Eyn Sheyn Mayse* and the Sources of Yiddish Folktales 97

Magdalena Pirożyńska (Krakow)
Yiddish and Polish Proverbs 117

MODERN LITERATURE

Michal Gai (Ramat Gan)
The Question of Genre in Isaac Bashevis Singer 129

Menke Katz (New York)
Form in Poetry and Nature 161

CULTURAL HISTORY

Shmuel Hiley (London)
Halachic Sources for the Preservation of Yiddish 171

Leonard Prager (Haifa)
The London Yiddish Publisher M. Joseph 175

Carl Cowl (New York)
Sex Remedies in a 19th Century Record Book 199

Leyzer Ran (New York)
A Mid Nineteenth Century Pack of "Kosher Playing Cards" 215

MEMOIRS

Blumke Katz (Svintsyan/Švenčionys, Lithuania)
My Teacher Max Weinreich 241

Abraham Karpinowitz (Tel Aviv)
Memories of the Vilna Yiddish Folk Theatre 255

OBITUARIES

Solomon A. Birnbaum 271
I. A. Lisky 277
Dov Sadan 283
Leo Fuks 287
Menke Katz 293

ANNOUNCEMENTS

Summer Programme 312
Winter Symposium 312
Acknowledgements 313

# *OKSFORDER YIDISH*
# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

This series aims to inspire and publish scholarly work on Yiddish language, literature, folklore and cultural history.

Editor: **Dovid Katz**
Assistant Editors: **Marion Aptroot, Dov-Ber Kerler**

© 1991 by Harwood Academic Publishers GmbH, Poststrasse 22, 7000 Chur, Switzerland. All rights reserved.

ISBN 3–7186–5206–4
ISSN 1044–3614

Harwood Academic Publishers

Post Office Box 90
Reading, Berkshire RG1 8JL
United Kingdom

58, rue Lhomond
75005 Paris
France

5301 Tacony Street, Drawer 330
Philadelphia, Pennsylvania 19137
United States of America

3–14–9, Okubo
Shinjuku-ku, Tokyo 169
Japan

Private Bag 8
Camberwell, Victoria 3124
Australia

This book is part of a series. The publisher will accept continuation orders which may be cancelled at any time and which provide for automatic billing and shipping of each title in the series upon publication. Please write for details.
No part of this book may be reproduced or utilized in any form or by any means, electronic or mechanical, including photocopying or recording, or by any information storage or retrieval system, without permission in writing from the publisher. Printed in Singapore.

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

## 1991

Edited by
Dovid Katz
*Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies*
*and*
*St Antony's College, Oxford*

harwood academic publishers
chur london paris new york melbourne
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

*OKSFORDER YIDISH*

A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

II

...ק פון
... פערלאָוו
from the library of
MAX PERLOW